# די פּען

26

תשרי תשנ"ז    חודשלעכער זשורנאַל פֿאַר ליטעראַטור    סעפּטעמבער 1996



די פען (26)
תשרי תשנ"ז \ סעפּט. 1996

רעדאַקטאָר:
הירשע־דוד קאַץ

פּאַרוואַלטונגס־ו'עדאַקטאָר:
גענאַדי עסטרייך

רעדאַקציע:
מאיר באָגדאַנסקי
אליקום־געצל קלעפּפּיש
דוב־בער קערלער

קאָרעספּאָנדענץ:
The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

אָפּצאָל:
£33 ($49) אַ יאָר
מיט לופט, אומעטום

טעלעפֿאָן:
(+) 44 1865 798989

פֿאַקס:
(+) 44 1865 798987

עלעקטראָניש:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

געגרינדעט פון דער
משפחה טאַבאַטשניק
צום אָנדענק פון
יידישן שרייבער
און דערציער
מענדל טאַבאַטשניק
(1894 — 1975)

פאַרלאַג „דריי שוועסטער"

חנא שמערוק (ירושלים):
**נחום שטיף, מאַרק שאַגאַל און די יידישע קינדער־ליטעראַטור אין ווילנער קלעצקין פאַרלאַג, 1917-1916**

## פּאָעזיע

משה־חיים פּאָראַיער (וואַרשע):
**וואָס קיינער וועט זיי נישט זינגען . . .**

רבקה באַסמאַן—בן־חיים (הרצליה):
**טעג**

חנן קיעל (ניו־יאָרק):
**אריכת זכרון**

## זכרונות

יצחק לודען (תל אביב):
**מיט משה בראָדערזאָן ביי די ברעגן פון . . . סמבטיון**

## רעצענזיע

הירשע־דוד קאַץ (אָקספאָרד):
**דער צווייטער באַנד פונעם אַטלאַס**

הילע:
חנא שמערוק מיט זיין זיידן און מוטער אין דער קור־אָרט שטאָט קריניצע, פוילן (1933).

צום סוף — חנא שמערוק און יצחק באַשעוויס (ניו־יאָרק, 1986).

פּראָפ. שמערוקן האָט מען האַיאָר אויסגעטיילט דעם פּרעסטיזשפולן „פּרס ישראל" פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע ביישטראָגן אויפן געביט פון דער יידיש פאָרשונג.

# דער צווייטער באַנד פונעם אַטלאַס

**דער יידישער שפּראַך און קולטור אַטלאַס.**

די רעדאַקציאָנעלע קאָלעגיע וואָס האָט צוגעגרייט דעם באַנד צום דרוק איז באַשטאַנען פון: מיכל הערצאָג (שעף־רעדאַקטאָר), ווערא באַוויסקאַר ז״ל, אוריאל ווײַנרייך ז״ל, אריה זאַנענשיין, ראָבערט נוימאַן, וואָלפגאַנג פּוטשקע און אולריקע קיפער.

**צווייטער באַנד: פּאַרש־געצייג.**

אריה זאַנענשיין, אוריאל ווײַנרייך ז״ל, בינה סילווערמאַן ווײַנרייך און ראָבערט נוימאַן.

**The Language and Culture Atlas of Ashkenazic Jewry.**

Prepared and published under the aegis of an Editorial Collegium: Marvin Herzog (Editor-in Chief), Vera Baviskar ז״ל, Ulrike Kiefer, Robert Neumann, Wolfgang Putschke, Andrew Sunshine and Uriel Weinreich ז״ל.

**Volume II: Research Tools.**

Andrew Sunshine, Uriel Weinreich ז״ל, Beatrice S. Weinreich and Robert Neumann.

Max Niemeyer Verlag: Tübingen & Yivo Institute for Jewish Research: New York 1995.

**88 ז. (יידישער טייל) + 106 ז. (ענגלישער טייל).**

אין צווייטן באַנד פונעם יידישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס גייען אַריין סך־הכל פיר מאַפּעס: די גרונט־מאַפּע וואָס ווייזט אָן, פאַר וועלכע שטחים מ׳האָט זיך באַנוצט מיט אַוועלכן מאָדיפיצירטן וואַריאַנט פון דער אַנקעטע (ז. 80); אַ מאַפּע וואָס ווייזט אָן וווּ ער פון די אַכצן פעלד־אַרבעטער האָט אַדורכגעפירט דעם אינטערוויו פאַר איעדן געאָגראַפישן פונקט, דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, ביי עמיגראַנטן פון יענעם פונקט (ז. 81); אַ מאַפּע וואָס ווייזט אָן, וועלכע זיינען עם די אָרטיקע ניט־יידישע שפּראַכן (ז. 84); און, צולעצט, אַ מאַפּע וואָס לאָקאַליזירט דעם באַנוץ פון וואָרט „גוייש" ווי אַ באַצייכענונג אויף דער קאָטעגאָריעלער ניט־יידישער שפּראַך (ז. 85).

אויפן ערשטן בליק איז דאָס עלול צו מאַכן אַן איינדרוק פון אַ כתרילעווקער אַטלאַס: אַ מאַפּע וועגן דער אַנקעטע פון אַטלאַס, אַ מאַפּע וועגן זיך ממש, אַ מאַפּע וועגן די אַלע אַנדערע שפּראַכן און אחרון אחרון חביב, אַ מאַפּע וועגן איין וואָרט, „גוייש", און — פאַרטיק אַ געשעפט.

אַזאַ טעותדיקער קוק קען זיך אָבער נעמען בלויז פון משיג זיין דעם איצטיקן באַנד ווי אַ ווערק פאַר זיך, בשעת ווען ס׳איז דער צווייטער באַנד אין אַ סעריע וואָס האָט גענומען אַרויסגיין מיט אימפּעט נאָך אַ שטילשווייגעניש פון פינף און צוואַנציק יאָר נאָכן פריצייטיקן טויט פון גאון און בויער פונעם אַטלאַס אוריאל ווײַנרייך (1926—1967), וועלכער איז אויך געווען צווישן די פירנדיקע טעאָרעטישע לינגוויסטן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אין 1992 איז אַרויס דער ערשטער באַנד (אונדזער לענגערע רעצענזיע דערויף איז דערשינען אין „אָקספאָרדער יידיש" III, 1995, שפּאַלטן 889—916). דער איצטיקער, צווייטער באַנד באַשטייט פון אַ ריי שליסלען סיי צום ערשטן באַנד און סיי צו די ווייטערדיקע בענד. עס ווערט איבערגעדרוקט דער גאַנצער טעקסט פון אוריאל ווײַנרייכס אַנקעטע, וואָס איז אַן אויסערגעוויינלעך וויכטיק ווערק פאַר זיך (אויף די „יידישע" זייטלעך 9—88). לאַנגע יאָרן וואָס צווישן יידישע לינגוויסטן „צירקולירן זיך שטילערהייט" פאָטאָקאָפּיעס פון

אָפּגעקלאַפּטן טעקסט א.נ. „אַנקעטע. סטאַביליזירטער נוסח פון יוני 1961". אין איצטיקן באַנד פונעם אַטלאַס דערשיינט די אַנקעטע גאַנצערהייט, דערצו נאָך מיט הוספות און די ספּעציעלע צוגאָבן פאַר ספּעציפישע געגנטן. און דער עיקר, מען ווייס אַז ס'איז ברשות הרבים. אַנדערש געזאָגט געוואָרן: אַדאַנק די רעדאַקטאָרן פון אַטלאַס האָט אוריאל ווײַנרייכס אַ פּראַכטפול ווערק איצט דערזען די ליכטיקע שיין. שוין פאַרדערפאַר איז דער צווייטער באַנד אַ גאָר טייערער חפץ אין דער ביבליאָטעק פון יידישן פילאָלאָג.

אויב עס גייט אָבער די רייד וועגן אַ זאַך וואָס „צירקולירט זיך ניט", אַ פּנים־חדשות ממש, דעמאָלט איז דאָס „האַרץ" פונעם באַנד אָן קיין שום ספק די רשימה וואָס דעשיפרירט די נומערירטע געאָגראַפישע פּונקטן און גיט די נעמען פון די שטעט און שטעטלעך פון וואַנעט עס שטאַמען די אינפאָרמאַנטן (זז. 89—95). דערצו דערלאַנגען די רעדאַקטאָרן אַן אַלפאַבעטישע רשימה וואָס וועט אינטערעסירן ניט נאָר דיאַלעקטאָלאָגן נאָר אויך — לאַנדסלייט (זז. 95—100). אַדאַנק דער פאַרעפנטלעכונג פון דער רשימה אָרטשאַפט נעמען, איז שטאַרק געשטיגן סיי דער וויסנשאַפטלעכער מעמד און סיי די פּראַקטישע ניצלעכקייט פון ערשטן באַנד.

דער גרעסטער טייל מאַטעריאַל וואָס אין באַנד געהערט דער געשיכטע און סטרוקטור פונעם אַטלאַס גופא. ס'גייען אַריין באַשרייבונגען וועגן דער פּראָבלעמאַטיק פון דער אַנקעטע און דער אויסדרונג און אינדעקסירונג פונעם מאַטעריאַל (זז. 1—10); וועגן דער קאָמפּיוטער טעכניק (זז. 11—19); טראַנסקריפּציעס און סימבאָלן (זז. 20—28); ספּעציפישע פראַגן אין דער יידישער דיאַלעקטאָלאָגיע (זז. 29—46); זוכצעטלען (זז. 47—79, 87—101). אַ קאַפּיטעלע וועגן דעם, ווער זיינען עס געווען די 613 (יאָ, טאַקע תרי"ג!) יידן מיט וועמען מען האָט דורכגעפירט די אויספירלעכע אינטערוויוען, איז העכסט אינטערעסאַנט; אַ שאָד נאָר וואָס ס'איז אַזוי צימצומדיק (זז. 103—104). דאָס קען מען אָבער אַנטוויקלען אין די ווייטערדיקע בענד.

אין אַ געוויסער מאָס שפּירט זיך, אַז מען האָט צונויפגעשלעפּט פון דאַנעט און פון דאָרטן שאַר־ירקות בכדי אויסצופילן דעם באַנד. דאָס זיינען אָבער מער, אַ סך מער, ווי שאַר־ירקות. די אָפּטיילונגען זיינען אָדער וויכטיק פון אַ וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט, אָדער באַלערעוודיק וואָס שייך דער געשיכטע פונעם פּראָיעקט, און אין די מערסטע פאַלן — שטאַרק ניצלעך ביים באַנוצן זיך מיטן ערשטן באַנד.

פונדעסטוועגן בלייבט אַ געפיל, אַז דאָ גייט אין אַן אַריטמעטישן סך־הכל פון די (גוטע!) אַרבעטן פון אַ גרעסערער צאָל (גוטע!) מיטאַרבעטער, אַז דער פּראָיעקט קען שטאַרק געניסן פון אַן איינאיינציקער פעסטער האַנט וואָס זאָל ניט נאָר קאָאָרדינירן, נאָר אויך גורם זיין אַז די מאַטעריאַלן אין די קומעדיקע בענד זאָלן מיט זיך פאָרשטעלן אינטעגרירטע קאָמפּאָנענטן פון אַ קלאָרער סטרוקטור. דער עיקר וועלן דאָס זיין די דיאַלעקטאָלאָגישע מאַפּעס און די פּרטימדיקע לינגוויסטישע באַשרייבונגען צו יעדער מאַפּע. נאָך מיט קאַרגע 360 יאָר צוריק האָט דעקאַרט פעסטגעשטעלט, אין זיין *Discours de la méthode*, אַז „אָפּטמאָל איז פאַראַן ווייניקער שלימות אין אַ ווערק וואָס ווערט אויסגעאַרבעט דורך אַ ריי מענטשן ווי אין דעם וואָס ס'האָט אַן איינאיינציקע האַנט געמאַכט".

צום באַדויערן חזרן זיך איבער טייל מכשולים פון ערשטן באַנד. אַלץ וואָס איז איצט געשריבן געוואָרן צום באַנד איז אויף ענגליש, און ס'בלייבט דער איינדרוק, אַז יידיש פיגורירט דאָ צום טייל ווי אַ קאָסמעטיש צאַצקעלע (אַחוץ, פאַרשטייט זיך, ביי די

איבערדרוקן פון אוריאל וויינרייכס אַרבעטן וואָס זיינען זילבער מיט גאָלד). די נעמען פון די אַלע אויסגלאָשענע יידישע שטעטעלעך, לפּחות, האָט מען געמעגט ברענגען אויך אויף יידיש, ניט נאָר אין אַ פֿאָנעטישער טראַנסקריפּציע.

די פּאָר ווערטער יידיש וואָס שטאַמען פון די היינטיקע רעדאַקטאָרן זיינען בדרך כלל אויף „יענעם יידיש" (למשל „פּאָרש־געצייג" שוין אויפן שער־בלאַט).

דער ענגלישער טעקסט איז אויסגעזעצט העכסט פּראָפעסיאָנעל, מיט טיפּאָגראַפיע און פּאָליגראַפיע ווי ביי לייטן. דער יידישער טעקסט איז ווידעראַמאָל אָפּגעקלאַפּט מיט אַ פּרימיטיוון שריפט פון אַ „שטוביקן קאָמפּיוטער", וואָס איז אַפּנים אַמאָטאָריש איבערגעמאַכט געוואָרן פון אַ העברעאישן פאָנט. נאָר וואָס, דער זאַץ אויף דער הילע און די שער־בלעטער איז יאָ פּראָפעסיאָנעל. האָט מען געקענט אויסזוכן אַ פּראָפעסיאָנעלן זעצער פּאַרדערפּאַר, איז אַפּשיטא שוין אַז דאָס אייגענע קען מען אויספירן אויך אינעווייניק. איך האָב דעם באַנד באַוויזן אַ קאָלעגע אַ לינגוויסט, וואָס שטאַמט פון ווייטן מזרח, און איז מיט יידיש ניט באַקאַנט. נאָכן דורכבלעטערן האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן:

„צי זיינען די־אָ 613 אינפאָרמאַנטן געווען די לעצטע מאָהיקאַנער וואָס האָבן גערעדט די יידישע שפּראַך?" קיינער נאַרט זיך ניט, אַז יידיש (אויסער דעם חסידישן סעקטאָר), שטייט ניט פאַר אַ פיינלעכן קריזיס. אוריאל וויינרייכס אַטלאַס איז אָבער ניט דאָס אָרט אונדז שוין פאַר שפּראַכיקע באַרמענעס צו מאַכן.

אין ערשטן באַנד איז די סאַמע אָנגעווייטיקסטע פּגימה געווען די (זיכער ניט בכיוונדיקע) פאַרטונקלונג פון דער צענטראַלער און אייביקער ראָלע פון אוריאל וויינרייך אינעם פּראָיעקט. דאָס האָט מען איצט סימבאָליש צורעכטגעמאַכט אויפן שענסטן אופן. דער יידישער טייל פון צווייטן באַנד הייבט זיך אָן מיט אַן איבערדרוק פון אוריאל וויינרייכס „וועגן אַ נייעם יידישן שפּראַך און קולטור אַטלאַס". דאָס איז די עסיי אין וועלכער דער יונגער גאון האָט אין דער „גאָלדענער קייט" מודיע געווען דער ליטעראַרישער יידישער וועלט וועגן דעם אַטלאַס אין 1960.

בלייבט נאָר צו ווינטשן די רעדאַקטאָרן־אַרויסגעבער כוחות, חכמה און געזונט אָנצוגיין מיט דער הייליקער אַרבעט. זאָל מען אַלע דערלעבן צו האַלטן אין האַנט דעם דריטן באַנד.

הירשע־דוד קאַץ



Composed by Empire Press Brooklyn
Produced by Graf Design Oxford

The Yiddish Pen 26

monthly for literature
and research

September 1996

Editor:
Dovid Katz

Managing Editor:
Gennady Estraikh

Editorial Board:
Majer Bogdanski
Elyakum G. Klepfish
Dov-Ber Kerler

Correspondence:

The Yiddish Pen
Golden Cross Court
4 Cornmarket
Oxford OX1 3EX
England

rates:

£33 ($49) a year
worldwide by air

Telephone:
(+) 44 1865 798989

Fax:
(+) 44 1865 798987

Email:
yiddishstudies@
oxf-inst.demon.co.uk

Published by the
Oxford Institute
for Yiddish Studies

Registered Charity No 1045738
IRS No 11—3273541

Founded by the
Tabatznik family in
memory of Yiddish
author and educator
Mendel Tabatznik
(1894 — 1975)

© Three Sisters Press

Chone Shmeruk (Jerusalem):
**Nokhem Shtif, Marc Chagall and children's literature in the Vilna publishing house of Boris Kletzkin, 1916—1917** 1

## Poetry

Moshe-Chaim Porayer (Warsaw):
**Songs that nobody will sing** 20

Rivka Basman Ben-Chaim (Herzliah):
**Days** 21

Chonon Kiel (New York):
**Long memory** 22

## Memoir

Itzhak Luden (Tel Aviv):
**With Moyshe Broderzon on the banks of the river Sambatyon** 23

## Review

Dovid Katz (Oxford):
**Volume two of the *Atlas*** 34

Front cover:

Chone Shmeruk with his grandfather and mother in the spa town of Krynica, Poland (1933).

Back cover:

Chone Shmeruk with Isaac Bashevis Singer (New York, 1986).

Prof. Shmeruk was recently awarded the Israel State Prize for his vast contributions to Yiddish scholarship.